# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בלק תשפ"ד שנה י | גליון מס' 542

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## בלק האט מורא פון דער כח התפילה פון כלל ישראל

"וַיַּרְא בָּלָק בֶּן צִפּוֹר אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי" (כב ב)

מען קען מדייק זיין פארוואס שטייט "וירא בלק"? עס וואלט געווען בעסער אז עס זאל שטיין "וישמע בלק"? ווייל בלק האט דאך נישט געזען מיט די אויגן די מלחמה צווישן די אידן און די אמוראים, ער האט נאר געהערט וועגן איר?

דער 'כלי יקר' גיט צו פארשטיין אז וועגן דעם שטייט 'וירא' און נישט 'וישמע' ווייל דער פסוק גייט נישט ארויף אויף די מלחמה צווישן די אידן מיט די מלכי האמורי און סיחון ועוג, נאר אויף יעקב אבינו וועלכע ווערט אנגערופן ישראל (בראשית לב כט).

ביי די פרשה פון דינה האבן די בני יעקב איינגענומען די שטאט שכם און ווי דער פסוק דערציילט אז אז יעקב אבינו האט געזאגט פאר יוסף (בראשית מח כב): "ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך אֲשֶׁר לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי".

אויף די מלחמה זאגט דער פסוק "וירא בלק" ווייל די געשעענישן פון די מלחמה האט בלק געזען אין ספר דברי הימים וועלכע ער האט געהאט ווי עס איז געווען די שטייגער פון די מלכי קדם.

ווען בלק האט זיך מתבונן געווען אין דעם און ווי אזוי אז טראץ וואס זיי זענען געווען א קליין הייפעל האבן זיי געזיגט איז אים אנגעפאלן א פחד פאר זיין פאלק, אז אויך ביי זיי וועט געשען די זעלבע און אז זיין פאלק וועט טיילן די זעלבע ענדע ווי די בני שכם.

דער כלי יקר לייגט צו אז בלק האט זיך מתבונן געווען צו פארשטיין וואס איז דער סוד פון די נצחון פון די בני יעקב און געזען אז דער סוד צו זייער ניצחון איז תפילה און ווי חז"ל דרש'נען (ב"ב קכג א) וכפי שתרגם אונקלוס אז "קשתי" איז מרמז אויף תפילה און "חרבי" אויף בקשה און וועגן דעם האט ער זיך געזוכט זיך צו נוצן מיט די זעלבע געווער און אהין געברענגט בלעם הרשע אז ער זאל מכריע זיין די מלחמה לטובת די אידן מיט'ן כח הפה.

## די אדי שבח פון די שולן – זיי זענען פול מיט תלמידי חכמים

"מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל" (כד ה)

רבי יעקב יוסף **מפולנאה** האט גע'דרש'נט די פסוק בדרך צחות:

"מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב" מען קען טאקע משבח זיין די שולן פון אידן און די בתי מדרש אז זיי זענען געבויט שיין און מלכות'דיג אבער די עיקר שבח איז דער "מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל" אז עס וואוינען אין איר תלמידי חכמים וועלכע הארעווען בתורה.

'תולדות יעקב יוסף'

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## די מצוה פון צופרי - לויפן אין שול אריין און זאגן 'אמן'

די לויב ווערטער וואס בלעם האט געזאגט אויפ'ן כלל ישראל (במדבר כג כד): "הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא" זאגט רש"י אז עס גייט ארויף אויף די צייט ווען כלל ישראל שטייט אויף צופרי און ווי עס איז דארט דער לשון פון רש"י: "כשהן עומדים משנתם שחרית, הן מתגברים כלביא וכארי לחטוף את המצוות...".

אז מען וועט מדייק זיין אין רש"י זעט מען אז די עיקר מעלה פון כלל ישראל איז נישט נאר די מצות וואס זיי טוען צופרי נאר דער וועג ווי אזוי זיי זענען עס מקיים און ווי דער לשון הפסוק איז - "כלביא וכארי"! אז זיי טוען עס מיט די גרעסטע מאס גבורה, אז קיין שום זאך אין די וועלט האלט זיי נישט אפ פון טון די מצוה.

דאס איז איין דיוק אין די ווערטער פון רש"י אבער ווען מען גייט ווייטער קען מען מדייק זיין די אויסדרוק "לחטוף את המצוות".

מיר ווייסן דאך אז ווי מער ישוב הדעת עס גייט אריין אין א מצוה איז אלץ בעסער. עס איז אזוי ביי יעדע מצוה ובפרט ביי די מצוה פון צופרי ווי חז"ל זאגן שוין אז מען זאל זיך גרייטן צום דאווענען און זיך נישט געבן א כאפ אריין צום דאווענען און ווי עס איז דער לשון החז"ל דארט "שוהים שעה אחת" (ברכות ל ב) און וואו קומט דא אריין דער באגריף פון כאפן א מצוה?

נאר איך האב געטראכט אז מען קען ערקלערן מיט די ווערטער פון דער גאון רבי יעקב די אלבה פון די חכמי איטליה וואס האט געלעבט פיר הונדערט יאר צוריק. אין זיין ספר 'תולדות יעקב' שרייבט ער אז די סופי התיבות פון די ווערטער "הן עם כלביא" איז אמן, א רמז אז אין זכות פון עניית אמן וואס כלל ישראל האט געהאט בלעם נישט געקענט שעלטן כלל ישראל.

אז מען גייט מיט דעם מהלך איז זייער פארשטענדליך די ווערטער אין רש"י "לחטוף את המצוות" ווייל דער אמן קומט נישט אייביג אזוי מסודר. עס איז דא אמאל ווען עס קומט אומגעגרייט, נאר מען הערט איינעם מאכן א ברכה און מען געט זיך א כאפ אריבער צו יענעם צו הערן פון אים דער אמן.

ווי געשמועסט ביז אהער, קומט אויס אז די זכות פון כלל ישראל אין דער 'כלביא' יקום איז דער ענטפערן אמן, אז נאר בזכותו איז מען זוכה און דאס האט אפגעהאלטן די קללה פון בלעם הרשע און אז דאס איז דער שטאלץ פון כלל ישראל, אז זיי שטייען אויף צופרי צו ענטפערן אמן אין די שולן.

אז מען זעט דא די גרויסקייט פון איר ווייסט מען צושעצן איר חשיבות און איר גרויסקייט און איר כח. עס קען זיין אז מען קען צולייגן אז אויך דער 'לויפן' אין שול אריין צו זאגן אמן איז איינס פון די זכותים וואס מען האט און אויך דאס איז מרומז אין פסוק ווייל די ווערטער אין (שה"ש א ד): "משכני אחריך נרוצה" איז ראשי תיבות אמן.

מען זאל געדענקען די גרויסע זכות און די גרויסע כח וואס עס האט און וויפיל זכותים מען קען זיך איינקויפן מיט איר און אז דורך איר קען מען ניצול ווערן פון אלע שלעכט'ס און אז עס וועט נמשך ווערן פאר ימ'ען און נהרות און שפע פאר'ן כלל ישראל.

מיט א קריאה פון "הן עם כלביא יקום"!

שבת שלום,

יעקב דוד מארמארשטיין

# — מים בששון ממעייני הישועה —

דעם קומענדיגן זונטאג ט"ו תמוז פאלט אויס די יארצייט טאג פון דער אור החיים הק'.

לכבודו פון דעם יארצייט ווען מיר דערציילן דא א מורא'דיגע מעשה וועלכע האט פאסירט אין זיינע יארן. די מעשה לערנט אונז אויס איבער די חשיבות פון די ברכת הנהנין.

די מעשה ווערט אראפגעברענגט אין ספר 'אוצר המכתבים ח"ב דורך דער מחבר רבי יוסף משאש דער רב פון די שטאט חיפה. ער שרייבט די מעשה און ער צייכנט אן אז ער האט געהערט די מעשה פון רבי רפאל אלנקוואו, דער רב פון מאראקא, א געבוירענער אין די שטאט סאלי, די שטאט וואו דער אוחה"ק איז געבוירן געווארן, ער צייכנט אן אז די מעשה האט ער מקבל געווען פון זיינע אבות הק'

אין די צייטן פון דער אור החיים הק' האט אין די שטאט סאלי געוואוינט א רייכער איד מיט'ן נאמען ישועה ששפורטש.

זיין עשירות איז געווען א שם דבר. ער האט געהאט אונטערזיך פעלדער, ווייגערטענער, ווייץ.

ער האט געהאט אסאך פארמעגן אבער זיין ידיעה אין תורה איז געווען זייער שוואך.



ער האט נישט געקענט לערנען און אויך נישט געוואוסט קיין סאך איבער די מצות, אבער די געציילטע מצות וואס ער האט יא געקענט האט ער אפגעהיטן זייער ערליך.

איבער איין זאך איז ער געווען זייער שטארק און דאס איז געווען די מצוה פון אמונת חכמים. עס האט נישט פאסירט ביי אים אזא זאך אז ער זאל טון א שריט אין לעבן אן וואס ער זאל פריער באקומען די הסכמה פון זיין הייליגער רבי'ן, דער הייליגער אור החיים הק'.

אין יענע צייט איז אונטערגעקומען פאר דעם איד א שיינע פארשלאג פון וואו ער וועט קענען פארדינען שיין געלט.

אינדרויסן פון די שטאט האט זיך געפינען א פעלד וואו עס איז געוואקסן אסאך גוטע פרוכט.

די פרוכט און די ביימער זענען געווען א שם דבר אין די שטאט מיט איר שטארקקייט און איר געבויטקייט. אויסער איר פרוכטיגע ביימער איז זי אויך געווען א שם דבר מיט אירע פעסטע ביימער וואס געבן ארויס א שיינע שאטן, אז אסאך מענטשן פלעגן זיך קומען דארט אפרוען און דערקוויקן מיט אירע שיינע ביימער.

א לענגערע צייט האט ישועה געלייגט אן אויג אויף די פעלד. אין זיין קאפ האט ער זיך אויסגע'משל'ט אז אויב ער וועט מצליח זיין צו לייגן די הענט אויף דעם פעלד איז זיין עשירות פארזיכערט אויף א גאנץ לעבן.

אבער ווי שטארק ער האט געוואלט דעם פעלד האט עס דער אייגנטומער געוואלט פאר זיך. פאר קיין געלט אין די וועלט זענען די אראבישע אייגנטומער נישט געווען גרייט עס צו פארקויפן.

ווען עס איז אנגעקומען צו ישועה א שמועה אז דער אראבער איז גרייט צו פארקויפן די פעלד איז ישועה געלאפן צו אים צו הערן וויפיל ער וויל פאר דעם.

די פרייז איז געווען אסטראנאמיש, אויך אזא עושר ווי ישועה וואלט געדארפט פארקויפן אסאך פון זיינע פעלדער צו קענען באצאלן די פעלד אבער ער האט געמאכט א חשבון אז עס לוינט און באשלאסן אז ער גייט איין אויף די געשעפט.

ווי אייביג האט ער נישט געטון אזא זאך אן וואס ער זאל פרעגן זיין רבי'ן וואס ער האלט דערוועגן.

דער אור החיים הק' האט אים אנגעווינטשן אז די געשעפט זאל מצליח זיין.

א גליקליכער און מיט די ברכה אין האנט אז ער זאל מצליח זיין האט זיך ישועה ארויסגעלאזט צו שליסן די געשעפט.

עטליכע וואכן האט געדויערט ביז ווען אלע דעטאלן זענען געשלאסן געווארן ווען ישועה האט באקומען די שליסלען און איבערגענומען די שליטה פון דעם פעלד.

צו זיין גליק איז נישט געווען קיין גרעניץ אבער וואס א טאג שפעטער עס איז פארביי האט ער אנגעהויבן באמערקן אז זאכן זענען נישט אין פלאץ. נאכקוקנדיג וואס קען זיין די פעלער איז ער דערגאנגען דער סוד.

די שיינקייט פון די פעלד איז געקומען צוגיין פון אירע וואסערן. צוויי פליסיגע קוועלער האבן אנגעפולט די פעלדער און זיי זענען געווען דער קוואל פון סוקסעס צי די פעלד, אבער די קוועלער האבן זיך אויסגעטרוקנט.

אן די וואסער קוועלער איז דער פעלד גארנישט ווערד.

א צובראכענער און אן ערשיטערטער איז ער אריבערגעלאפן צום רבי'ן אין שטוב און זיך אויסגעוויינט פאר אים. א לענגערע צייט האט גענומען ביז ווען ער איז געקומען צוםווארט. דער אור החיים הק' האט אים דערלאנגט א גלאז וואסער און נאר נאך דעם וואס ער האט געזיפט פון די וואסער האט ער געקענט רעדן.

"רבי, מיין גאנצע פארמעגן איז איינגעשטעלט! איך האב אלעס פארקויפט אז איך זאל קענען האבן די פעלדער און יעצט זעה איך אז די קוועלער זענען טרוקן".

דער אור החיים הק' האט געלאזט ישועה קומען צום ווארט, נאר ווען ער האט געענדיגט האט ער אים געגעבן צו פארשטיין וואס דא גייט פאר.

"הער זיך איין, איך האב זיך איינגעקוקט אין דיר, ווען דו האסט געטרינקען וואסער. איך האב באמערקט אז דו מאכסט נישט קיין פאר ברכה און נישט קיין נאך ברכה. וויסן זאלסטו אז די צוויי קוועלער זענען קעגן די צוויי ברכה'ס. יעדע קוואל קעגן א ברכה און דאס איז אויך מרומז אין דער פסוק (ישעיה יב ג): "ושאבתם מים בששון ממעייני הישועה". דער ווארט בששו"ן איז ראשי תיבות: 'בברכות שתים, שהכל ובורא נפשות', נאר אז דו וועסט זיין נזהר אין די צוויי ברכות וועסטו זוכה זיין אז די צוויי קוועלער וועלן זיך צוריקעפענען פאר דיר.

די ריינע ווערטער וואס זענען ארויס פון דער הייליגער און אפגעהיטענער מויל פון דער אוחה"ק האט איבערגעלאזט אויף אים א שטארקער איינדרוק. ער האט זיך אונטערגענומען די קבלה און אויך אז ער וועט מוטיגן אנדערע זאלן מאכן א ברכה און אויך אויף געהאנגען א טאוועל אין זיין גארטן מיט די ברכות און וואונדער, אז מיטאמאל האבן די קוועלער זיך צוריק באנייעט.

פון יענער צייט און ווייטער האט מען די צוויי קוועלער אנגערופן "מעיינות חיים" על שם פון דער צדיק און אלע אידן האבן געוואוסט אז די קוואל איז מסוגל פאר רפואה וישועה בזכות פון דעם צדיק.

## אז כלל ישראל שטייט 'בעוז' איז אין הימל דא א 'חדוה'

**"הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ"**

זאגט דער הייליגער 'משך חכמה':

ווען כלל ישראל איז אין גלות און זיי גייען אריבער שווערע צייטן און מיט דעם אלעם דינען זיי הקב"ה און שטייען מיט אן 'עוז' איז אויבן אין הימל דא א 'חדוה' נאך מער ווי עס איז דא ווען אידן זיצן בשלוה און זענען מקיים די תורה בשלימות.

('משך חכמה', הפטרת שבת הגדול).

## ביי בית שני איז נישט געווען קיין השראת השכינה

**"הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ"**

דער פסוק וואס מיר זאגן ביי הודו קומט פון 'דברי הימים'. אן ענליכער פסוק צו דעם איז דא אין תהילים (צו ו): "הוד והדר לפניו עז **ותפארת במקדשו**".

פארוואס איז דא א שינוי צווישן די פסוק?

**גיט דער גאון רבי אליהו שיק צו פארשטיין:**

דער פסוק אין תהילים איז געזאגט געווארן דורך משה רבינו (רש"י ב"ב טו). אין זיינע יארן איז געווען א השראת השכינה, די משכן איז נאך געשטאנען און ווען דעם האט מען אויסגעפירט: "עז ותפארת במקדשו". דאגעגן די פסוקים אין דברי הימים האט געשריבן עזרא הסופר וועלכע האט געלעבט אין די ערשטע צייטן פון 'ימי בית שני' (ב"ב שם) און דאן איז די השראת השכינה נישט געווען אזוי שטארק (יומא כב ב) און אין אזא צייט איז דער אויספיר געווען: "עוז וחדוה במקומו" (עין אליהו' יומא כב ב).

## הכבוד והעוז לחי העולמים

**"הָבוּ לַה' מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז"**

רש"י (ד"ה א טז כח) גיט צו פארשטיין אז דער פסוק טיילט זיך איין אין צווי טיילן. אין אנהייב ווענדט זי זיך צו די משפחות העמים און מען זאגט זיי 'הבו' אבער עס שטייט נישט דארט וואס מען זאל געבן, נאר אין דעם צווייטן טייל פון דער פסוק שטייט אויסגעפירט וואס מען זאל געבן און אז מען זאל געבן: "כבוד ועוז".

און אנדערע מהלך אויף דעם האט דער **רמ"ד וואלי** אין זיין פירוש אויפ'ן ספר תהילים (צו ז). ער זאגט אז אין די ערשטע קריאה רופט מען צו די משפחות העמים אז זיי זאלן אוועקגעבן פון זיך פאר הקב"ה אבער וואס זאלן זיי געבן? ער דארף דאך נישט אנקומען צו קיין מענטשן? אויף דעם קומט צוגיין די צווייטע טייל אז מען זאל אים געבן 'כבוד ועוז'. די גאנצע בריאה איז דאך באשאפן געווארן לכבודו יתברך און דאס בעט הקב"ה פון זיין וועלט ער זאל געבן 'כבוד' פאר די בריאה און דער צווייטער זאך איז דער 'עוז' אז מען זאל מכיר זיין אז דער עוז איז לאלקים און אים דינען, ווייל נאר דאס וויל הקב"ה פון די וועלט.

## קודם דארפן אונז זיך פארבעסערן

**"הָבוּ לַה' מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז"**

**דער חפץ חיים פלעגט צו זאגן:**

ביים דאווענען ווענדן מיר זיך צו די אומות העולם און רופן צו זיי "הבו לה' כבוד ועז" אז זיי זאלן געבן כבוד פאר'ן רבוש"ע, אבער איידער מיר ווענדן זיך צו די גוים דארפן מיר מאכן אן אייגענער חשבון הנפש צי מיר אליין זענען יא נזהר אין כבוד ה' ווי חז"ל זאגן דארף עס קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים.

('חומת הדת' חיזוק הדת פרק א).

# "הן עם כלביא יקום"

"הֶן עָם כְּלָבִיא" - איז סופי תיבות אמן.

מיט דעם וויל די תורה מרמז זיין אז ווען בלעם האט געזען אז אלע זיינע מיטלען צו שעלטן די אידן גייט נישט, אז מיט די אלע קללות בלייבן זיי שטיין פעסט ווי א לייב, האט ער מרמז געווען אז דער סוד פון זייער שטארקקייט איז דער 'אמן', אז זיי זענען מקפיד צו ענטפערן 'אמן' און אז דאס איז מגין אויף זיי ווי א פאנצער און לאזט נישט די שלעכטס אנקומען צו זיי.

('תולדות יעקב', ונציה שסט, דף נט ע"ב).



### טייערע איד!

יעצט איז די צייט זיך אנצוגארטלען מיט די ספעציעלע שמירה און זיך אנשליסן אין די גבאי' אמן וועלכע באקרוינען די שולן לענגאויס ארץ ישראל.

### צו ווערן א מיטגליד:

פול אויס אן אפליקאציע ביי די 'נדרים פלוס' מאשינען און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר.

צווישן די וואס שליסן זיך אן וועט פארקומען א גורל אויף א זכות צו פארן מיט א גרויסע מיניוועו וואס האט גענוג פלאץ פאר די גאנצע משפחה אויף מקומות הק'






# שערי ישועה

## די סגולה פון ענית אמן

## אמן און קיין שטאלפעריי

"איר מוזט הערן די מעשה". האט איינער פון די משפחה אריינגעשיקט אין די מערכת די פאלגענדע געשיכטע.

טאאאטי... אאאיך ווויל נישנישנישט גגגגין אין ששששול..

מיט א צובראכענער הארץ האט דער טאטע געקוקט אויף זיין לעכטיגער קינד יאס'ל.

די ווייטאג איז געווען זייער גרויס. אנגעהויבן פון די צוויי יאר און ווייטער האט יאסל אנגעהויבן רעדן. אין די ערשטע יארן האט ער גערעדט געשמאק, פליסיג, אז אלע האבן אים באוואונדערט זיין שארפקייט, אבער דאן האט פאסירט א שרעקעדיגע זאך, ער האט אנגעהויבן שטאלפערן.

ביים אנהייב האבן די עלטערן געהאפט אז עס איז אן איבערגאנג. זיי האבן עס תולה געווען אין די פחד וואס ער האט געהאט פון א שווערע פארהער אדער פון א פארקילונג וואס ער האט דעמאלטס געהאט, אבער ווען עס איז נישט אריבער, האבן זיי אנגעהויבן דאגה'נען וואס וועט זיין מיט דאס קינד.

מען איז אריבער צו מומחים אין דער געביט, מען האט געבעטן פון זיי אן עצה, אבער זיי האבן נישט געהאט קיין עצה פאר'ן קינד.

אין א טאג האט דער טאטע באשלאסן אז ער גייט אריבערגיין צו דער גאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל און אים אנפרעגן וואס ער קען טון.

צו א פולער שטוב פון אידן איז ער אנגעקומען. עס האבן זיך געשלענגעלט לאנגע רייעס, ווען ער שטייט צווישן זיי מיט א תהלים אין די הענט בעטנדיג הקב"ה אז ער זאל זוכה זיין צו א ישועה.

ענדליך איז אנגעקומען זיין רייע. מיט א צובראכענע הארץ האט דער איד פארגעלייגט זיין שאלה. רבי חיים האט עס אויסגעהערט. נאכ'ן אויסהערן די שאלה האט זיך דער גאון געגעבן א רוף אן.

"פונהיינט און ווייטער זאל מען מקפיד זיין אויף ענית אמן".

די תשובה האט באוואונדערט דעם פאטער, אבער ער האט נישט איבערגעפרעגט, ער האט ממשיך געווען אין זיין וועג.

ער האט אנגעהויבן אוועקגיין ווען דער גאון רופט אים צוריק:

"אזוי ווי דו ביסט דאך א תלמיד חכם וואלט געווען א גוטער זאך אז דו זאלסט זיך זעצן שרייבן א בירור הלכה איבער אמן און איבער די הלכות וואס עס נעמט ארום".

דער טאטע האט זיך מקבל געווען די הכרעה. גלייך ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער זיך אוועקגעזעצט שרייבן א לענגערע און א טיפערע בירור הלכה אויף די נושא פון אמן. די בירור הלכה איז אנגעקומען צו גאנצע פערציג עמודים.

נאך אין יענעם טאג ווען דער מאמר איז געווארן פארענדיגט האט דער טאטע עס ארויסגעדרוקט און זיך געגרייט אריבערצוגיין אין שטוב פון דעם גאון עס צו באווייזן.

מיט דער מאמר אין די הענט האט זיך דער איד געגרייט ארויסצוגיין פון שטוב.

מיטאמאל קומט זיין קינד צוגיין און מיט א קלארקייט און א פליסיגקייט פרעגט ער דעם טאטן:

"טאטי, וואו גייסטו?"

דער טאטע איז געבליבן שטיין אויפ'ן ארט געפלעפט.

"יאסעלע זאג עס נאכאמאל איבער".

"טאטי, וואו אהין גייסטו?".

פון דאן אן איז דער שטאלפעריי נעלם געווארן פון דעם קינד, ווי ער וואלט קיינמאל נישט געליטן פון דעם.

אין זכות פון דער הייליגער 'אמן'.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער אוהל הק' אין די שטאט ראדזמין

## דער ראדזמינער רבי זצוק"ל

### י"ח בתמוז תרל"ז

דער צדיק רבי יעקב אריה גוטערמן פון ראדזמין איז געבוירן געווארן אין יאר תקנ"ב צו זיין טאטע שלמה אין די שטעטל פון ווארקא אין פוילן.

שוין פון קינדווייז אן האט זיך דערקענט אויף אים אז ער וואקסט א גרויסער גאון וצדיק. ער האט געלערנט תורה פון דער בעל 'תורת שמואל' דער רב פון ווארקא.

נאך אין די בחורישע יארן איז ער געפארן צום הייליגן חוזה פון לובלין און זיך מסתופף געווען בצילו. זייענדיג דארט האט ער זיך באקענט מיט דער הייליגער יוד הק' פון פעשיסחא און זיך מתדבק געווען און שפעטער אין זיין זון הרה"ק רבי אברהם משה און זיין תלמיד הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע.

ער איז אויך געווען אסאך ביים הייליגן קאזשניצער מגיד זי"ע.

ווען ער איז אנגעקומען צו די יארן פון חתונה האבן איז ער געווארן אן איידעם רבי בעריש פון ריטשאוואל און זיך באזעצט אין די שטאט ריטשוואל. ווען דער ריטשוואלער רב איז נסתלק געווארן האט מען אויפגענומען אלץ רב פון די שטאט.

אין די שפעטערע יארן איז ער אריבער דינען ברבנות אין די שטאט ראדזמין.

נאך די פטירה פון זיין רבי הרה"ק רבי יצחק מווארקא אין יאר תר"ח האט דער ציבור אנגעהויבן פארן קיין ראדזמין. דער צדיק האט זוכה געווען צו אריכות ימים ושנים און בשעתו איז ער געווען גערעכענט אלץ דער זקן האדמורי"ם פון זיין דור און אלץ אויסטערלישע בעל צופת און טויזנטער פלעגן שטראמען צו אים להפקד בדבר ישועה ורחמים.

דער צדיק איז נסתלק געווארן י"ח תמוז ערש"ק פרשת פנחס אין יאר תרל"ז. מען האט אים געלייגט אין די שטאט גאנשא אין ווארשע.

נאך זיין פטירה האט מען געדרוקט זיינע חידושי תורה אין די ספרים 'דברי אבי"ב' און ביכורי אבי"ב.

## אמן - די לויב וואס קומט ארויס מעומק הלב

ווענדיג ארויסגעבן דער געדאנק פון אמן און וואס איז דער גורם אז ז' זאל זיין גרעסער ווי די ברכה ווי חז"ל זאגן שוין 'גדול העונה יותר מן המבורך' פלעגט דער הייליגער ראדזמינער געבן אויף דעם א משל.

משל למה הדבר דומה: צו א איד וואס געפינט זיך אין א דערהויבענער מאמענט און ער געט ארויס זיין שמחה אין יענע מאמענט, ווי ווען א טאטע פירט זיין קינד אונטער די חופה.

דער טאטע קען זיך אוועקשטעלן און אויסרעכענען אלע חסדים און אלע מעלות וואס עס איז געטון געווארן מיט אים אבער אז ער וועט זיך פירן אזוי וועט ער ביים אויסרעכענען פארלירן די רגש.

אין אזא צייט געט ער ארויס די רגש אין אייןווארט, אדער מיט א געזאנג, דער געזאנג איז קליין אבער אונטער איר באהאלט זיך א לאנגע געשיכטע.

דער זעלבער געדאנק איז דא ביי אמן. ביי די ברכה רעכענט מען אויס די שבחים און די חסדים, די הכרת הטוב, אבער דער 'אמן' ווייל עס איז נאר איין ווארט און א קליינע ווארט, געט ער ארויס פון איר אסאך מער.

די געדאנק באהאלט זיך אין די ווערטער פון חז"ל "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('ביכורי אבי"ב', כי תבוא).